# דער כח פון אמן יהא שמיה רבא, און וועגן נישט רעדן ביים דאווענען

צו רעדן אינמיטן קדיש איז נישט בלויז אן איסור נאר אויך א גרויסע סכנה. און אזוי שרייבט דער חפץ חיים (משנה ברורה סימן נו, א): און כל שכן אז מען דארף זיין זייער זייער געווארנט אז מען זאל נישט רעדן אינמיטן קדיש און קדושה, אזוי ווי עס שטייט אין מסכת דרך ארץ, אז ר׳ אחא האט געטראפן אליהו הנביא מיט פילע טויזנטער קעמלאן וועלכע זענען אנגעלאדענט מיט אף און חימה (צארן), צו באצאלן פאר די דאזיגע וואס רעדן ביי קדיש און קדושה וכו׳ עכ״ל.

אין שולחן ערוך (או״ח הלכות תפלה סימן קכד ס״ז) שטייט: מען זאל נישט רעדן קיין וואכעדיגע רייד ווען דער ש״ץ זאגט הויכע שמונה עשרה, און ווער עס רעדט איז א זינדיגער און זיין זינד איז גרעסער פון קענען איבערטראגן, און מען דארף אים אנשרייען. שרייבט אויף דעם דער אליהו רבה (סקי״ב) פון ספר ווי העמודים להגה״ק ר׳ שעפטל הורוויץ זצ״ל בן השלה״ק זי״ע אז עס איז פאסיג פאר יעדע קהילה צו באשטימען מענטשן אויף דעם, וואס זאלן אכטונג געבן מיט פילע שטראפן אויף די וואס רעדן, און מען זאל זיי פארשעמען אין די עפענטליכקייט. פון דעם זעהן מיר דאס גרויסקייט פון דעם זינד, אז מען מעג אפילו פארשעמען דעם זינדיגער צווישן מענטשן.

אין ספר דרך משה (הנספח לספר הגן) איז ער מאריך צו ערקלערן דאס ענין לויט דעם וואס מיר געפונען אין כתבי האריז״ל אז דורך רעדן אין בית הכנסת קומט דבר (מארד) ר״ל, און וועגן דעם איז זיין זינד גרעסער פון קענען איבערטראגן, אזוי ווי דער זינד פון קין וואס האט גע׳הרג׳ט דעם ברודער. און מיט דעם ערקלערט ער דעם מאמר חכז״ל אין ב״ק. אז ווען עס איז א מארד אין שטאט ל״ע זאל מען נישט גיין אליין אין ביהכ״נ ווייל דער מלאך המות באהאלט זיינע כלים אין בהכ״נ, אז די ערקלערונג איז אז זיינע כלים זענען אין בהכ״נ, וואס מיין דעם : ד הרגיט ער ל״ע מענטשן. און ער איז ״ת וואס עס שטייט אין

- פון קענען

״צח וואס

דער חת״ס שרייבט אין זיינע דרשות ווי פאלגענד: השי״ת מיט זיינע רחמים וחסדים האט אונז איבערגעלאזט דעם מקדש מעט די בתי כנסיות ובתי מדרשות, אויב מיר פירן זיך דערמיט מיט קדושה דעמאלט וועלן זיי באזעצט ווערן אין ארץ ישראל און זיי האבן יעצט אויך דאס הייליגקייט פון ארץ ישראל, און די תפלות ווערן געשיקט צום טויער פון הימל. אויב אבער מיר פירן זיך דארט מיט א בזיון ח״ו און מען רעדט אין זיי דברים בטלים, און די לופט פון דברים בטלים איז טמא טוט זיך אנקליידן אין זיי דער שר פון חוץ לארץ, און ער ווערט אויך א בעל הבית אין בהכ״נ נעמט ער די תפלות און פירט זיי אריין צו די חיצונים, איז דער מענטש אזוי ווי אן עובד עבודה זרה, ווי חכז״ל זאגן אז ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך ווי ער וואלט נישט געהאט קיין גאט.

דערפאר דארף מען זיין געווארנט נישט צו רעדן אין ביהמ״ד קיין שום דיבור אויסער דאס דאווענען, ווייל אפילו די וואס דאווענען מיט כוונה, איז מעגליך אז זייער תפלה וועט נישט ווערן אנגענומען ח״ו צוליב דעם זינד פון די אנדערע מענטשן. (עבודת ישראל אבות פ״ה מ״ד)

ווער עס ענטפערט אמן מיט זיין גאנצן כח עפנט מען אים די טויערן פון גן עדן (שבת קיט: זהר א לה, וע׳ ילקוט תהלים רמז תשמ״א).

ווער עס ענטפערט אמן אויף דער וועלט איז זוכה צו ענטפערן אויך לעתיד לבא (פס״ז ויקרא ז טו).

ווער עס ענטפערט אמן מיט זיין גאנצן כח אפילו עס איז דא ביי אים א שמץ פון עבודה זרה איז מען אים מוחל (שבת קיט:)

ווער עס עטנפערט אמן יהא שמיה מברך מיט זיין גאנצן כח צערייסט מען אים זיין גזר דין אפילו פון זיבציג יאר. (שבת קיט:)

ווער עס איז מזכה דעם רבים קומט אים צו קיין זינד (אבות ה יח).

ווער עס האלט איין מצוה איז אזוי ווי ער וואלט געהאלטן די גאנצע תורה (מדמ״ש א י).

ווער עס האלט אויף א נפש אחת מישראל איז אזוי ווי ער וואלט אויפגעהאלטן א גאנצע וועלט (סנהדרין לז.).